# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת כי תשא - פרה י"ח אדר תש"פ**
**שנה א' גליון כ"ג**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......... 6:45
מוצאי שבת קודש.......... 8:17

## א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל בלייבן פרייליך אפילו מיין פורים גייט נישט ווי געפלאנט, שכח אייבערשטער איך בין געבליבן פרייליך.

### יוסל - הערשל שניטצלער

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א קאר פאר פורים און שכח אייבערשטער איך האב געהאט א קאר פאר יום טוב.

### יצחק אהרן וויינבערג

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א נייע זשאב, שכח אייבערשטער איך האב געטראפן א פיינעם זשאב לעבן מיין הויז.

### אברהם יהושע וועבערמאן

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א דירה אין שטעטל, אסאך אסאך איז אדורך ביז מען איז אנגעקומען צו די סוף פון די מעשה, ברוך השם הארט פאר פורים האב איך געקלאוזט אויף מיין דירה אין שטעטל. שכח אייבערשטער פאר דעם גרויסן נס.

### אברהם הערש וועבערמאן

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל בלייבן פרייליך פורים אפילו אלעס אין דעם טאג גייט מיר ממש ווי געפלאנט! און שכח אייבערשטער איך בין געווען פרייליך א גאנץ יום טוב.

## נייעס אין שטעטל

### סיום מסכת ברכות

זונטאג אינדערפרי איז פארגעקומען א גרויסארטיגע סיום מסכת ברכות צוזאמען מיט דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז ספעציעל געקומען צום סיום כדי צו מחזק זיין די אינגעלייט מען זאל לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג אין לעבן. ביים סיום זענען אויך געווען אפאר קינדער וואס האבן געלערנט דעם דף יעדן טאג און דער ראש ישיבה האט זיי מחזק געווען זיי זאלן ווייטער אנגיין.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מורא'דיגע מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט (שיחות הר"ן סימן קלז): עס איז געווען צוויי חברים ויהי היום איינער האט אגעהויבן צו גליטשן אין אידישקייט רח"ל אבער אין ביזנעס האט ער זייער מצליח געווען, דער חבר האט אלץ געהאט א קשיא פארוואס ער וואס איז א חסידישער איד האט נישט קיין געלט און דער חבר האט יא, איינמאל חלומ'ט ער זיך ווי מען ציילט געלט, פרעגט ער דארט פארוועם ציילט מען דעס? זאגט מען אים דאס איז פאר דיין אלטער חבר, פרעגט ער זיי פארוואס קומט זיך אים געלט אז ער פירט זיך אזוי אויף? האט מען אים געענטפערט ווייל ער לערנט יעדן טאג תורה אן אויסנאם, און מעות איז ראשי תיבות ו'אין ע'בירה מ'כבה ת'ורה, עבירות לעשט נישט אויס די תורה וואס א מענטש לערנט. דאס איז די הצלחה פון א מענטש אויב ער לערנט יעדן טאג תורה.

### פורים אין שטעטל

גאר א פרייליכע פורים איז אריבער אין שטעטל, בפרט פורים נאכמיטאג ווען מען איז זיך צאמגעקומען אין בית המדרש און געפראוועט א סעודה ווי עס האט נאכגעפאלגט מיט געטאנץ ביז אין דערנאכט אריין, עס איז טאקע נישט געווען א ריזן עולם, אבער די שמחה וואס האט געהערשט דארט איז געווען נישט צום באשרייבן, מען האט געטאנצן מיט א ברודער'ליכע ליבשאפט, מען האט געשפירט די ליבשאפט וואס יעדער איינער האט צום צווייטן, אזוי ווי דער ראש ישיבה האלט עס אין איין חזר'ן מיט אונז אז די הצלחה פון דעם פלאץ איז אויב מען וועט זיך האלטן באחדות.

**מודעה**

מיר ווילן מודיע זיין דעם עולם ווער עס דארף מצות פאר פסח זאל זיך מעלדן צו האברך יואל מענדלאוויטש נ"י, אזוי אויך פאר אנדערע עסן פאר'ן יום טוב פסח זאל מען זיך מעלדן צו האברך שלמה יאקאבאוויטש נ"י

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב ערהאלטן די נעמען פון די אינגעלייט וועלכע קומען צום שיעור גמרא יעדע נאכט; **איך פריי מיך זייער אז איר זענט זיך מחזק מיטן דף גמרא.**

איך ווארט שוין צו הערן אז דו האסט געקויפט א דירה אין דעם פלאץ וואו מיר גייען בויען א שטעטל על שם רבינו: "**ברסלב'ע קריה**", וואו מיר וועלן קענען לעבן א לעבן מיטן רבי'ן און מחנך זיין אונזערע קינדער מיט'ן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען אריין ברענגען דעם רבינ'ס זיסע עצות אין די וועלט.

ווער האט געקענט טראכטן פאר צען יאר צוריק וואספארא מהפכה די ישיבה וועט מאכן אויף די וועלט; וויפיל צענדליגער טויזנטער מענטשן וועלן לעבן אויף די חיזוקים פון ישיבה. **דאס איז אבער נאך גארנישט וואס עס וועט זיין, מיר האלטן נאך ביים אנהויב...**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פאלגן די צוואה וואס מוהרא"ש האט אונז איבערגעלאזט, וואו ער האט אונז געהייסן עוסק זיין אין הדפסה, הפצה און זען עס זאל זיין שלום בין אנשי שלומינו.

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת עקב, כ' מנחם-אב, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

איך בעט דיר זייער זאלסט צוזאמנעמען די אינגעלייט וועלכע האבן זיך ארויסגעצויגן אין שטעטל - **לערנען מיט זיי יעדן טאג דעם דף גמרא.**

איך לערן פאר יעדן טאג דעם דף גמרא; דו קענסט דאס מיט האלטן אויפ'ן טעלעפאן (קול ברסלב), אדער קענסטו דאס אויסהערן דורכ'ן טאג, וועסטו דאס קענען קלאר.

איך האף אז דו וועסטו טון מיין ווילן מיט'ן פארלערנען יעדן טאג דעם דף גמרא, ווייל עס גייט מיר אין לעבן אז מיינע תלמידים זאלן זיין ערליכע אידן, און נאר דורך לערנען די הייליגע תורה קען מען זיין אן ערליכער איד.

איך וועל פון מיין זייט שרייבן פאר אלע אינגעלייט זיי זאלן מיט האלטן דעם שיעור, און דו פון דיין זייט זאלסט זיך האלטן צו א פונקטליכע צייט און פארלערנען בטוב טעם ודעת.

נאכן שיעור זאלסטו נישט בלייבן שמועסן נאר גלייך אהיימגיין שלאפן כדי דו זאלסט קענען זיין גוט אויסגערוט, צו האבן סבלנות צו די קינדער אין חדר.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

בעזרת ה' יתברך

יום ב' פרשת נח, כ"ט תשרי, ערב ראש חודש חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.

**איך בין אזוי פרייליך אז דו קומסט יעדן אינדערפרי צום "גמרא שיעור"** און נאכדעם גייסטו אין כולל פאר א שעה צו איבער חזר'ן דעם דף גמרא וואס מיר לערנען פאר יעדן טאג.

ביי מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דער לימוד דף גמרא בכל יום געווען א יסוד היסודות, בפרט ביי אינגעלייט האט זיך מוהרא"ש געבעטן זיי זאלן גיין צו א שיעור גמרא; מוהרא"ש פלעגט זיך בארומען אז אין יבנאל איז דא יעדן טאג פינף שיעורים אינעם דף גמרא. ברוך ה' אז מיר לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא אינדערפרי און איך פריי זיך אז דו קומסט.

זיי מחזק דיין ווייב אז זי זאל נישט זארגן פאר קינדער, איר וועט זוכה זיין צו זרע ברך ה'; זיי מקיים וואס דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים?" וואס זאל א מענטש טון ער זאל האבן קינדער? "יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", ער זאל געבן צדקה, "וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ וכו'", און ער זאל פרייליך מאכן זיין ווייב וכו', עיין שם.

איך האב דיר ליב.